איז געווען קאַלט; און פּעטרוס איז אויך געווען
מיט זיי, שטייענדיק און וואַרעמענדיק זיך.
19 און דער כהן גדול האָט אויסגעפֿרעגט ישוען
20 וועגן זיינע תּלמידים און וועגן זיין לערנונג. האָט
ישוע אים געענטפֿערט: איך האָב גערעדט בפּרהסיא
אין דער וועלט; איך האָב תּמיד געלערנט אין שול
און אינם בית המקדש, וואו אַלע יידן קומען זיך
צונויף; און אין פֿאַרבאָרגעניש האָב איך גאָרנישט
21 גערעדט. וואָס פֿרעגסטו מיך? פֿרעג די צוהערער
וואָס איך האָב צו זיי גערעדט; זע, זיי ווייסן, וואָס
22 איך האָב געזאָגט. און בשעת ער האָט אַזוי גערעדט,
האָט איינער פֿון די משרתים, וואָס זענען דאָרט
געשטאַנען, געגעבן ישוען אַ פּאַטש, זאָגנדיק: אַט אַזוי
23 ענטפֿערסטו דעם כהן גדול? האָט ישוע אים געענט־
פֿערט: אויב איך האָב שלעכט גערעדט, זאָג עדות
וועגן דעם שלעכטן; אויב אָבער (איך האָב גערעדט)
24 גוט, וואָס שלאָגסטו מיך? און חנן האָט אים אַוועק־
געשיקט אַ געבונדענעם צו קיפֿא דעם כהן גדול.
25 שמעון פּעטרוס איז אָבער געשטאַנען און זיך
געוואַרעמט. און מען האָט צו אים געזאָגט: צי
ביסטו דען נישט אויך פֿון זיינע תּלמידים? האָט ער
26 געלייקנט און געזאָגט: איך בין נישט! זאָגט צו
אים איינער פֿון דעם כהן גדולס קנעכט, וואָס איז
געווען אַ קרובֿ פֿון דעם, וועמען פּעטרוס האָט
אָפּגעהאַקט דאָס אויער: צי האָב איך דיך דען נישט
27 געזען אינם גאָרטן מיט אים? פּעטרוס האָט דעריבער
ווידער געלייקנט; און גלייך האָט אַ האָן געקרייעט.
28 דאַן האָט מען ישוען אַוועקגעפֿירט פֿון קיפֿא צום
פּרעטאָריום; און עס איז געווען פֿרי; און זיי זענען
נישט אַריינגעגאַנגען אין פּרעטאָריום, כּדי זיי זאָלן
זיך נישט מטמא זיין, נאָר זאָלן (קענען) עסן דאָס